493456

Imprimat legal.

CENZURAT.

# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגן רעליגיאָן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ״ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

„ווי ליבליך זעגען אויף די בערג די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטס, גיבן צו הערן די ישועה...״

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

No. 5—6. 1927. קישינעוו.

## אינהאלט:

1. דער יעצטיגער צושטאנד—(ל. א.)
2. הושענא־נא (שיר) — —(ל. א)
3. די לעהרע פון ישוע המשיח—
4. ווי איך בין געקומען צום גלויבען — —(מ. דריטשמאן)
5. זייט איר אויך פארטיג —
6. רומט ארויס דעם אלטען חמץ (שיר) —(פון „ברית עם״)
7. דער געפאנגענער סאלאוועי (מ. ריבטער)

# דער יעצטיגער צושטאנד פון די אידן.

דער בעקאנטער מאדערנער אידישער שריפטשטעלער ש. הארוויטץ*) האט אמאל גאנץ ריכטיג פערגלייכט די לאגע פון דעם אידישן פאלק מיט דער פאלגענדער מעשה פון דעם געוויסן אנדערסען: ביי א מלך איז געווען א זון, וועלכער האט זיך זעהר שעהן געקליידעט. אלע האבן איהם דערפאר זעהר געליבט. מ׳האט דערציילט נסים ונפלאות פון זיינע פורפיר קליידער. אמאל איז א גרויסער הכם געקומען צום מלך און האט געזעהן אז דעם מלך׳ס זון איז נאקעט, „זעהט, רופט ער אויס, אונזער מלך׳ס זון איז גאר נאקעט!“...

נאך טרויריגער איז, וואס אונזער פאלק באדעקט דאס נאקיטקייט, ווי אדם הראשון, מיט פערשידענע בלעטער פון אויסערליכער, פארמאלער רעליגיאן, מיט מאדערנע טעאריען, סיסטעמען און אנדערע קאמבינירטע מיטעל. אונזער פאלק זעהט דאך אויס נאקעט, דער בן מלך איז נעביך נאקעט. מ׳איז געבליבען אהן גאט, „אין דעת אלהים בארץ“, כאטש דער רעליגיעזער איד שרייט: „שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד“. מ׳איז נעבליבען אהן דער ביבעל (תנ׳כ), כאטש מ׳זאגט: „אני מאמין באמונה שלמה שכל דברי הנביאים אמת“. מ׳גלייבט ניט אין דער אינספיראציאן פון תנ׳כ, מ׳קריטיקירט די ביבעל, מ׳ראסט שטיקליך פון איהר אויף פארשידענע אופנים פון תלמוד׳ישע פשט׳ליך אדער מאדערנע קאמענטארען. מ׳איז אויך נאקעט מאראליש, כאטש מ׳שרייט מיט גאוה „מיר“ „מיר“, מיר זענען בעסער, לייטעשר פון אנדערע. אבער די פרוכט, די מעשים ווייזען קלאר, אז „מכהן ועד נביא כלו בוצע בצע“, אלע זענען פארשלינגען מיט דער תאוה פון דעם עגל הזהב, „כל ראש לחלי וכל לב דוי“, אלעס איז קראנק און פול מיט וועטיג. און ווען מ׳דערזעהט שוין דעם טרויריגען נאקטען צושטאנד טהוט מען אזוי ווי אדם הראשון מ׳ווארפט ארויף דעם הטא אויף אנדערע: „האשה... היא נתנה לי“, מ׳זאגט אז אונזערע שונאים זענען שולדיג, די אומגעבונג, די לאגע אין גלות האט אונז צו דעם געבראכט. כאטש מיט דעם מויל זאגט מען „ומפני הטאינו גלינו מארצנו“, נאר באמת וויל מען ניט אנערקענען, אז דיזע לאגע פון דעם נאקטען צושטאנד איז דער רעזולטאט פון אונזער אייגענער שולד, ווי ס׳איז געזאגט ביים נביא ירמיה (קאפ. ה׳) „עונותיכם הטו אלה והטאתיכם מנעו הטוב מכם“. ווי אדם הראשון האט איבערטרעטען גאט׳ס ווארט אזוי האבן מיר ווידערשפייניגט קעגען גאט, קעגען די כתבי הקדש, זיינע נביאים האבן מיר געהרג׳עט און פון דעם משיה, וועלכען ער האט געשיקט, האבען מיר זיך אוועקגעקערט און זענען איהם עד היום מבזה. „וכמסתר פנים ממנו נבזה ולא השבנהו“ (ישע׳ נ׳ג).

„ויעש יהוה אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם“—דאס מלבש וואס גאט האט געמאכט פון פעל*) האט געקענט צודעקן דאס נאקיטקייט פון אדם׳ן. ישראם קען זיין נאקיטקייט צודעקן נאר מיט דעם „מעיל צדקה“ וואס גאט האט אונז געגיבן דורך דעם „צמח צדיק“, דורך דעם משיה ישוע, דורך וועלכען מיר קענען גערעכטפארטיגט ווערן פאר גאט, וויל ער איז אונזער גערעכטיגקייט „יהיה צדקנו“ (ירמיה, כ׳ג 6—5). ער איז דער „צדק עולמים“ וועלכער איז געקומען אין דעם פעריוד פון די „שבעים שבעים“ וואס ביי דניאל הנביא איז געזאגט (קאפ. 6). און איז געשטארבן פאר אונזערע זינד, אלס דער לעצטער קרבן, אונז מכפר צו זיין די זינד „לכלא הפשע ולהתם הטאת ולכפר עון“. דורך זיינע ווינדער קענען מיר געהיילט ווערן. ווער אין איהם גלויבט, דער דעקט צו זיין זינדיגען נאקט׳ן צושטאנד און באקומט די אמת׳דיגע שמהה, ער איז געשוצט אין גאט און קען זאגען: „ער האט מיך אנגעקליידט מיט א קלייד פון הילף, מיט א מאנטעל פון גערעכטיגקייט“—„שוש אשיש ביהוה, תגל נפשי באלהי כי הלבשני בגדי ישע מעיל צדקה יעטני“ (ישע׳ ס׳א, 10). נאר דיזע מלבשים פון ישוע

*) זעה „העתיד“

*) דאס בעדייטעט אז עמיצער אין געטייטעט געווארן.

Verlag „Sinai“. Band V. Berlin 1913.

קענען צירען ישראל פאר גאט און פאר מענשען. יעדער, ווער ס׳וויל דאס גליק פון אונזער פאלק, ווארט ניט אויף דעם פאלק, הייבט אן פון זיך. באקליידט אייער עגנע נאקיטקייט און העלפט דעם שארית ישראל זיך צו קליידען. אזוי ביסליך וייז, ביסליך ווייז, ביז כל ישראל וועט געקליידעט ווערן מיט די „בגדי ישע״ און וועט ווידער אין אויף תמיד ווערן א „ממלכת כהנים וגוי קדוש״, צווישן אנדערע נאציאנען, דערצעלענד גאט׳ס כבוד „בכל העמים נפלאותיו״, אז די איבריגע נאציאנע זאלן זיך אויך בעקערן און ס׳וועט זיין „ה׳ אחד ושמו אחד״.

התנערי מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתך עמי על יד בן ישי בית הלחמי קרבה אל נפשי גאלה.

---

„ברוך הבא בשם יהוה״ געבעגשט איז דער, וועלכער איז געקומען אין גאט׳ס נאמען (תהלים קי״ח, 26).

„הושע-נא לבן-דוד. ברוך הבה בשם יהוה. הושע-נא במרומים״ הישע-נא צום זוהן פון דוד. געבענשט איז דער, וועלכער איז געקומען אין גאט׳ס נאמען. הושע-נא אין דער הויך״. (ברית החדשה)

אין דער אלטער, אלטער צייט
געהען פילע פרומע לייט
מיט משיח—זייער גליק,
פרעהליך זעהט אויס יעדענס בליק.

משוררים:

זינג, זינג, זינג,
א, שענער קינדער־כאר!
קלינג, קלינג, קלינג,
א שענער קינדער־כאר!
א, הושע־נא, א, הושע־נא!
זינג און לויב משיח נאר.

צו ירשלים׳ס וועגד
שטרעקען פילע אויס די הענד,
אויף דעם יום־טוב, וויפיל פרייד
דארט צו הערען משיח׳ס רעד!

הערט דעם שענעם זיסען קלאנג:
פון די קינדער לויב־געזאנג
דעם משיח, וואס קומט דארט,
ווי געזאגט אין גאטעס ווארט.

דער משיח איז בערייט
יעדען מענשען גיבען פרייד,
ער קען רייניגען פון זינד,
ווער איהם גלויבט איז גאט׳ס א קינד.

דיזע בשורה קלינגט נאך הייגט
פון משיח אונזער פריינד,
אללע, אללע צו איהם קומט
פרייד און שלום איר בעקומט.

ל. א.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

---

# די לעהרע פון ישוע המשיח.

און ער ישוע האט צו זיך ווידער גערופען די לייט, און צו זיי געזאגט, הערט מיך אלע צו, און פערשטעהט. קיין זאך פון אויסוועניג פון דעם מענשען וואס קומט אין איהם אריין קען אים ניט אונ־ריין מאכען; נייערט די זאכען וואס קימען ארויס פון דעם מענשען מאכען אים אונריין. און ווען ער איז אים הויז פין די לייט געגאנגען האבען איהם זיינע תלמידים געפרעגט וועגען דעם משל. און ער האט צו זיי געזאגט, זענט איהר אויך אזוי אהן פערשטאנד? פערשטעהט איהר ניט, אז אלעס וואס קומט פון אויסוועניג אין א מענשען אריין קען איהם ניט אונריין מאכען? ווארין עס קומט ניט אין זיין הארץ אריין, נייערט אין בויך, און געהט צום מיסט ארויס. און ער האט געזאגט דאס וואס קומט ארויס פון דעם מענשען, דאס מאכט דעם מענשען אונריין. ווארין פין אינוועניג פון דעם הארץ פין דעם מענשען קומען ארויס שלעכטע געדאנקען, ניאוף, גנבה, רציחה, זנות, גלוסטען רשעות, בעטריגער״, אויסגעלאסענהייט, עין הרע, לעסטערונג, שטאלץ, נארישקייט. אלע

דיזע שלעכטיגקייטען קומען ארויס פון אונזוענינ, און מאכען דעם מענשען אונריין.

[מרקוס ז 23—14]

היט אייך, אז איהר זאלט ניט אייערע צדקה געבען פאר מענשען, כדי איהר זאלט פון זיי גע-עהען ווערען, ווען ניט האט איר קיין שכר פון אייער פאטער אין הימעל. דערום ווען דו גיבסט צדקה, זאלסט דו ניט פאר דיר מיט א שופר בלאזען, אזוי ווי די הייכלער (חנפים) טהון אין די שולען און אין די גאסען, כדי זיי זאלען פון מענשען געלויבט ווערען. באמת זאג איך אייך, זיי האבען זייער שכר אודאי בעקומען. אבער ווען דו גיבסט צדקה, לאז ניט דיינע לינקע האנד וויסען וואס דיינע רעכטע האנד טהוט. אז דיינע צדקה זאל זיין פערבארגען, און דיין פאטער וואס זעהט אין פערבארגענעם וועט דיר גיבן שכר.

[מתי ו. 4—1]

און איינע ארמע אלמנה איז געקומען, און האט אריינגעווארפען צוויי פרוטות, וואס מאכען צוזא-מען א פירטעל גראשן, און ער האט זיינע תלמידים צוגערופען און האט געזאגט צו זיי, באמת זאג איך אייך, אז דיזע ארמע אלמנה האט מעהר אריינגעווארפען ווי אלע וואס האבען אין דעם אוצר אריינגעווארפען, ווארין אלע האבען אריינגעווארפען פון דעם וואס זיי האבען איבריג אבער זי האט פון איהרע ארמקייט אריינגעווארפען אלעס וואס זי האט, איהרע גאנצע מחיה.

[מרקוס יב 44—42]

# ווי איך בין גלויביג געווארן אין ישוע הנצרי.

אליין בין איך ערצויגען געווארן ביי חסידי'שע עלטערן. פון קליינהייט האט מיך ניט באפרידיגט די אידישע רעליגיע מיט איהרע צערעמאניעס. איך האב געזעהן פיל שווינדעל ביי אונז און ביי אנדערע, כאטש מ'פלעג דאווענען און לויפען שטענדיג אין שול אריין. איך האב זיך ניט באַ-פרידיגט מיט אזא גייסטליך לעבען און האב אנ-געהויבן צו זוכען דעם אמת. נאר ניט אזוי גיך האב איך איהם געפונען. אין יאהר 1920 ווע-איך בין האלט געווארן 24 יאהר, אין פסח-צייט האב איך דאס ערשטע מאל געהערט פון די באפטיסטען. מיט גרויס חשק בין איך געגאנגען אין דער פערזאמלונג זעהן וואס דאס איז פאר מענשען. ס'איז געווען דאנערשטאג, ווען ס'איז געווען א גנעבעט-שטונדע. די ווערטער פון די כתבי הקדש „ממעקים קראתיך יהוה", וואס איך האב דארט געהערט, זענען מיר אריינגעפאלען אין מיין הארצען. קיין רוהע האב איך אין מיין האר-צען געהאט. די אינערליכע שטימע האט מיך וויט ניט געלאזט גיהן. די ווערטער פון גאט האבען מיך געצויגען ווי א מאגניט. נאך א סך דרשות האב איך געהערט און האב שון פער-שטאנען אז דאס איז דער אמת'ר וועג. נאר וויל איך האב געהאט פיעל צווייפלונג האב איך גע-בעטן גאט מיט די ווערטער: „גאט! טאמער איז דער וועג ניט דער אמת'ר זאלסט מיך בעסער טייטען איידער איך זאל ווערען פארבלאנזעט". שווער איז מיר געווען זיך פארצושטעלן, אז יעזוס-כריסטוס איז דער משיח-ישראל, נאר אין מיין הארצען האב איך געזאגט אויב דער ת'נ'ך וויזט אן אויף איהם, אז ער איז דער משיח ישראל בין איך גרייט צו גלויבען. איך האב סע-ריאז געליינט די שריפט (ת'נ'כ) זיך צו ערקונדיקען. דאס ווארט פון גאט האט זעהר שטארק געווירקט אין מיין הארצען און איך האב זיך איבערציינגט, אז ישוע הנצרי איז דער אמת'ר משיח. דענסמאלט האב איך אבגעגעבען מיין הארץ צו גאט אין דעם נאמען פון דעם משיח. גאט האט מיר מוחל גע-ווען די זינד, וויל משיח'ס בלוט האט גערינען אויף גלגלת אויך פאר מיר. כאטש אלעס וואס ס'איז געווען איינגעווארצעלט פון קליינהייט איז געווען קעגען דעם ברית חדשה, נאר דאס ווארט פון גאט האט מיך בייגעקומען. און יעצט פרעה איך זיך אין גאט און אין מיין אויסלייזער, דעם משיח יעזוס-כריסטוס.

משה דרייטשמאן.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# פסח — חמץ.

דעריבער קערט אויס דאס אלטע זויערטייג (דעם חמץ), כדי איהר זאלט זיין א ביי טייג, ווייל איהר זענט ניט חמץ׳דיג׳ ווארן אונזער קרבן פסח, וועלכער איז פאר אונז געשאכטען געווארן, איז דער משיח. דעריבער זאלן מיר האלטען יום טוב ניט מיט דעם האלטען זויערטייג און ניט מיט זויערטייג פון בעזעס און שלעכטס, נאר מיט אנגעזויערטן טייג פון ריינקייט און אמת (ברית החדשה).

ראמט ארויס דעם האלטען חמץ
עס איז פסח גלייך,
עס מוז זיין אין אלע ווינקלען
פסח׳דיק ביי אייך.

ראמט ארויס דעם האלטען חמץ
דאך ניט נאר פון שטוב,
אייער חמץ ליגט אין הארצען
טיעף ווי אין א גרוב.

חמץ איז די אלטע שנאה,
וואס מען האט פארשפרייט
און וואס האבען שוועסטער, ברידער
עביג אבגעשיידט.

חמץ איז אין הארצען פאלשקייט
אין מויל שיינע רייד,
גלייכענדיג דעם חרב חדה
ליגענדיג אין שייד.

חמץ איז די אלטע ליגען,
וואס ליגט טיעף אין הארץ
און דרינגט דורך אלע אברים
און מאכט פון ווייס שווארץ.

חמץ זענען מעשים טובים,
פון זיך זעלבסט אליין,
מצה־שמורה איז אויך חמץ
ווען דאס הארץ איז ניט ריין.

אבער קיינער, קיינער קען ניט
מאכען זיין הארץ ריין,
אזוי ווי אהן א גואל
פון מצרים געהן.

נאר דער ריינער קען דעם טמא׳ן
מאכען ריין פון שמוץ
נאר דער שטארקער קען דעם שוואכען
נעמען אין זיין שוטץ.

אט דעם ריינעם און דעם שטארקען
גואל זעהט יעצט אן
און וואס ער האט ערב־פסח
שוין פאר אונז געטאן.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

ער איז אונזער קרבן פסח,
אונזער שה האלהים,
אז מיר זאללען האבען סלחות־עון
יעצט נאר דורך איהם.

ראמט ארויס דעם אלטען חמץ:
עס איז פסח יעצט!
עס מוז זיין אין אלע הערצער
פסח׳דיג צו לעצט!

פון „ברית עם"

# זייט איהר אויך פארטיג.

דען אין דער שעה, וואס איהר דענקט נאר ניט, וועט דער בן-אדם קומען. (ברית הדשה: מתי 24,44).

## ווען וועט דאס זיין? און וואס פאר א צייכען וועט זיין ווען דאס אלעס וועט דעריפילט ווערן?

ישוע האט זיי געענטפערט, און האט אנגעהויבן צו זאגן: היטעט אייך, אז קיינער זאל אייך ניט פערפיהרען. דען פילע וועלן קומען אין מיין נאמען און וועלן זאגן: איך בין דאס, און וועלן פילע פערפיהרען. ווען איהר וועט הערען פון מלחמות און שמועות פון מלחמה דערשרעקט אייך ניט; דען עס דארף אזוי זיין, אבער דאס איז נאך ניט דאס ענדע. דען איין פאלק וועט אויפשטעהן געגן איין פאלק, און איין מליכה געגן איין מלוכה, און עס וועט זיין ערד-ציטערנעס אין אייניגע ערטער, און עס וועט זיין הונגער דאס איז דער אנפאנג פאן די ווייטאקען. גיבט אכטונג אויף אייך אליין (ברית הדשה: מארקוס 13,4-9).

דאס זאלסט דו וויסען, אז אין די לעצטע טעג וועלן אנקומען שרעקליכע צייטען. דען עס וועלן זיין מענשען וואס ליבן נור זיך אליין, געלד ליבענדע, בעריהמערס, שטאלצע, לעסטערער, ווידערשפעניגע געגן זייערע עלטערן, אונדאנקבארע, רשעים. האבן ניט קיין ליבע, אננעטרייע, רעדן לשון הרע, אונפריינדליכע, האבן ניט קיין הארץ פאר גוטעס. מוסרים, לייכטזיניגע, אויפגעבלאזענע אזעלכע וואס ליבן פארגעניגן מעהר פון גאטט. און אזעלכע וואס האבן איין פנים ווי מענשען וואס האבן אין זיך פרומקייט און לייקענען אב איהר קראפט, פון אזעלכע קער דיך אפ (ברית הדשה; 2 טימאטהעאוס 3,1-5).

## וואס זאל איך טאן, איך זאל גערעטעט ווערען?

(ברית הדשה: אפאסטאל געשיכטע 16,30).

גלויב אין דעם הערין ישוע המשיח, וועסט דו דיך און דיין גאנצע הויז רעטן. (אפאסטאל געשיכטע 16,31).

דען גאטט האט אזוי געליבט די וועלט, אז ער האט זיין בן יחיד געגעבן, כדי יעדער, ווער עס גלויבט אין איהם, זאל ניט פארלוירען ווערן, נור האבן עביגעס לעבן. (ברית הדשה: יוחנן 3,16. ווער עס גלויבט אין איהם, ווערט ניט פארמשפט, און דער ניט גלויביגער איז שוין פארמשפט. (ברית הדשה; יוחנן 3,18).

היינט, ווען איהר וועט זיין קול דערהערען, מאכט אייערע הערצער ניט הארט. (ברית הדשה: העברעער 4,7).

טהוט תשובה, און גלויבט אין דער בשורה טובה. (ברית חדשד: מארקוס 1,15).

# דער געפאנגענער סאלאוועי.

אמאל איז געווען א פאסטוכעל. דאס פאסטוכעל האט געפאסעט שעפעלעך, ניט ווייט פון א גרין וועלדעלע. דאס פאסטוכעל איז געווען א פרעליכס, ס'האט געשפילט אויף א פייפעלע און ס'האט געהאט א גוט הארץ.

אין דעם גרינעם וועלדעלע האט תמיד געזינגען א סאלאזעי (נאכטיגאל), דעם פאסטוכעל האט זעהר געפעלן ווי דער סאלאוועי האט געזינגען, און ווען ער האט אנגעהויבען צו זינגען, פלעג דאס פאסטוכעל אויפערן צו פייפען אויף דעם פייפעלע און זיך גוט צוהערען, ווי דאס קליינע פויגעלע זינגט. ערענדיג אזוינע שענע מעלאדיען, פלעג זיך דאס פאסטוכעל מהיה זיין, זיין נשמה האט אנגעהויבען צו שווימען צוזאמען מיט דער מעלאדיע, זיי פלעגען זיך צונויפגיסען אינאיינעם און זיך פארברייטען איבער דעם גאנצען פעלד און וואלד.

א מאל איז געקומען א יונגער פרינץ מיט דער ביקס אין וואלד אריין, ער האט דארט געוואלט שיסען א האז, נאר אז ער האט פלוצלינג דערהערט ווי דער סאלאזעי זינגט, האט אים זעהר געפעלען

BCU Cluj / Central University Library Cluj

ער האט אוועקגעלעגט די ביקס און מיט א נעץ געכאפט דעם סאלאוועי.

אזוי איז געבליבען דאס פאסטוכעל אהן זיין סאלאוועי.

דער פרינץ האט א היים געבראכט צו זיך אין פאלאסט דעם סאלאוועי, אים אריינגעזעצט אין א גאלדען שטייגעל, אויך האט ער דארט אריינגעלעגט האניג, צוקער אין וויין, און האט צו אים אזוי געזאגט: „איצט, שען פויגעלע, זינג פרעליכער, וויל דו זיצט אין א גאלדען שטייגעלע, וועסט דארט עסען דעם בעסטען האניג מיט צוקער און טרינקען דעם פיינסטען וויין.

דער סאלאוועי האט אנגעהויבען צו זינגען אין דעם גאלדענעם שטייגעל, צו עסען האניג מיט צוקער און צו פארטרינקען מיט דעם פיינסטען וויין.

דער פרינץ האט געמאכט א סעודה. ער האט צונויפגערופען אלע זיינע חברים-פרינצען און פרינצעסינען, כדי ער זאל זיי ווייזען וואס פאר א מין זינגער ער האט אין דעם גאלדענעם שטייגעל. עס איז אין פאלאסט געווען זעהר פרעליך; מ'הט געלאכט, געטאנצט, געגעסען, געטרינקען און דער סאלאוועי האט צוגעזינגען, עס האט זער געפעהלן די געסט ווי דער סאלאוועי זינגט.

דאס פאסטוכעל האט זיך פארבענגט נאך דעם סאלאוועי. ער האט איבערגעלאזט די טשערעדע, געקומען צום פרינצען אין פאלאסט און האט זיך אנידערגעשטעלט ביים פענסטער בשעת די געסט האבן געטרינקען, זיך געמאכט פרעליך דאס הארץ, דער סאלאוועי האט צוגעזינגען. הערענדיג ווי דער סאלאוועי זינגט, האט זיך דאס פאסטוכעל אין א ביטער קול צוויינט, דער פרינץ האט דערזעהן אז א ארעם פאסטוכעל שטעהט ביים פענסטער און וויינט, האט ער אויף אים רחמנות געהאט און אים אריינגעלאזט אין פאלאסט כדי ער זאל אויך עסען און טרינקען און זיך פרעליך מאכען דאס הארץ מיט אלע געסט צוזאמען.

דאס פאסטוכעל איז געזעסען ביים טיש מיט אלע געסט צוזאמען, אבער ער האט אלץ געוויינט. האבען אים די געסט געפרעגט:

— ווי קענסטו, פאסטוכעל, וויינען, ווען די הערסט אז אזא סאלאוועי זינגט אזוי שען און פרעליך?

— ער זינגט ניט—האט דאס פאסטוכעל געענפערט—נאר אייך דאכט זיך אים אז ער זינגט, ער וויינט, דער סאלאוועי מיינער, ער וויל פון דעם גאלדענעם שטייגעל ארויספליען צום בלויען הימעל, צו דער לעכטיגער זון און צו דעם גרינעם וואלד, נאר דארט קען ער זינגען, אבער דא אין דעם גאלדענעם שטייגעל וויינט ער מיט ביטערע טרערען, און איהר נעמט אויף זיין ביטערען געוויין אלס געזאנג, איהר אלע פארשטעהט ניט זיין ביטערען געוויין דערפאר וואס איהר זענט אומגליקליכער פון איהם.

— פאר וואס זענען מיר אומגליקליכער פון דעם סאלאוועי?—האבן ווידער געפרעגט די געסט

— ווייל אייערע הערצער זענען גאלדענע שטייגלעך. אין יעדען שטייגעל ליגט א ריינע נשמה, וועלכע רייסט זיך צום בלויען הימעל, צו דער זון, ווייל דארט איז איהר היים. נאר די הערצער זענען פארשלאסן, עס קען דארטן ניט אריין קיין איינציגער שטראל פון דער זון, איהר זיכט די נשמה צו בארוהיגען מיט עסען, טרינקען און געזאנג. איהר זינגט, אבער אייערע נשמות ווילען ניט מיטזינגען, זיי וויינען, זיי ווילען אהיים, נאר דארט וועלען זיי זינגען.

די געסט זענען געבליבן זיצן טרויעריג פארטראכט.

יעדערער פון זיי האט אנגעהויבען זיך אריינצוקיקען אין הארצען, מע האט טאקי באמערקט אז די נשמה וויינט.

דער פרינץ האט זיך גיך אויפגעהויבען פון דעם טיש, צוגעגאנגען צום שטייגעל און געעפענט און דער סאלאוועי איז ארויסגעפלויגען מיט א גאר אנדערער פרעליכער מעלאדיע דורך דעם פענסטער.

לאנג האבן נאכגעקיקט די געסט דורך דעם פענסטער, כאטש זיי האבן שוין דעם סאלאוועי מעהר ניט געזעהן, נאר זייערע אויגען זענען געבליבען שטעהן אויף דעם בלויען הימעל. זיי האבען א פנים געוואלט אז אויך זייערע הערצער זאלען זיך עפענען צום בלויען הימעל. „נאר אין גאט ווערט געשטילט מיינע זעעלע" [תהל' ס"ב.]

**מ. ריכטער.**

---

BCU Cluj / Central University Library Cluj

האלהים הוא האהבה — גאט איז די ליבע

# The Mildmay Mission to the Jews.

## אין זאאל „ביתאל", קישינעוו

מיעסטשאנסקאיא 26—(str. Wl. Herţ 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדן שבת 4 א זייגער און 7 א זייגער אבענד,

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

### איינגאנג פריי פאר יעדן.

אין זאאל „ביתאל" איז אויך צו בעקומען חמשים תנ"כ, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.

אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנענטן ערהאלטן די „ציונ'ס־לידער" אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר.

Adresa: Redacţia „Binevestitorul" Expedit. N. Tarlev.
str. Wl. Herţ 10. Chişinău—Basarabia.